יודעז, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

O płata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 251 | Łódź, Czwartek, 2 listopada 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, י"ג מרחשון תרצ"ד | № 251

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל.

# באדען-קניה ביי דער סיריש-פאלעסטינישער גרעניץ האלט ביים רעאליזירט ווערען

## פראנצויזישע רעגירונג מאכט נישט קיין שוועריגקייטען

ווארשא, 1 (ימ"א טעלעפאניש)

רעד. שוואלבע, וועלכער איז די טעג צוריק־געקומען פון פאריז טיילט מיט דער ימ"א וועגען דער באדען־קניה ביי דער סיריש־פאלעסטינישער גרעניץ.

קיין פאריז איז שוין אנגעקומען דער רע־דאקטאר פון „מארגען־זשורנאל" מיט א פראוויזא־רישען אפמאך.

די פראנצויזישע רעגירונג מאכט נישט קיין שטערונגען ביי דער רעאליזירונג פון דער קניה.

### באהן־בילעטען וועלן ביליגער ווערען נאך פאר ניי־יאהר

ווארשא, 1 (טעלעפאניש)

אין קאמוניקאציע־מיניסטעריום איז שוין אנ־גענומען געווארען א בעשלוס וועגען ביליגער מא־כען פאסאזשיר־טאריף אויף די פוילישע באהנען. דער נייער פרייז וועט נאך אנהויבען חל צו זיין פאר ניי־יאהר. ביז 130 קילאמעטער וועלען די בילעטען ביליגער ווערען מיט 10 פראצענט, אויף גרעסערע שטחים וועט די רעדוקציע דערגרייכען ביז 25 פראצענט. צו א שנעל־צוג וועט מען צו־רעכענען אנשטאט 25 פראצענט נאר 20 פראצ.

### דער גורל פון אורטייל איבער די „ברעסקער"

ווארשא, 1 (טעלעפאניש)

מארגען דאנערשטאג וועט דאס העכסטע גע־ריכט איבערווייזען די אקטען פון בריסקער פראצעס צוזאמען מיט'ן בעשטעטיגטען אורטייל, דער צווייטער שטראף־קאמער פון ווארשעווער אפע־לאציע־געריכט. דעמזעלבען טאג וועלען די אקטען, צוזאמען מיט א בעפעהל אויסצופיהרען דעם אור־טייל, איבערגעשיקט ווערען דעם קרייז־געריכט.

### צוריקגערופען דאס פרעזידיום פון דער ענטוואפנונגס־קאנפערענץ

זשענעוו, 1 (ספ. טעל.)

דאס פרעזידיום פון דער ענטוואפנונגס־קאנפערענץ וועט זיך אונווידערופליך צונויפקומען דעם 9 נאוועמבער. הענדערסאן האט ערקלערט, אז דאס פרעזידיום מוז זיך צונויפקומען, כדי נישט ארויסצורופען קיין נייע שוועריגקייטען.

### ליטווינאוו אפגעפאהרען קיין אמעריקא

פאריז, 1. (ספ. טעל.) ליטווינאוו איז פון האוור אין שערבורג אפגעשוואומען אויף דער שיף „בערענגאריא" קיין ניו־יארק.

# אין ארץ־ישראל הערשט רוה

## פערעפענטליכט אן אפיציעלער קאמוניקאט

ירושלים, 1 (ימ"א טעלעגראפיש)

ס'איז פערעפענטליכט געווארען אן אפיציע־לער קאמוניקאט, אין וועלכען ס'ווערט מיטגעטיילט, אז אין לאנד הערשט רוה.

### אנטי־ענגלישע אונרוהען אין עבר־הירדן?

אמאן, 1 (ספ. טעל.)

אין עבר־הירדן זענען אויסגעבראכען אנטי־ענגלישע אונרוהען, אין דער אפוזיציאנהייט פון עמיר אבדולא, וועלכער איז געווען אויף די פייער־ליכקייטען ביי דער ערעפנונג פון חיפער פארט.

### דער אראבישער גענעראל־שטרייק דויערט ווייטער

ירושלים, 1 (ספ. טעל.)

הגם אין גאנץ פאלעסטינא איז רוהיג, דויערט אבער ווייטער דער אראבישער גענעראל־שטרייק. די טעלעפאנישע פערבינדונג צווישען ירושלים און בית־לחם איז דורך אימיצען איבערגעריסען גע־ווארען. דריי צייטונגען, וועלכע גיהען ארויס אין קאירא, זענען פערבאטען געווארען אין פאלעס־טינא צוליב דעם, וואס זיי געבען איבער איבער־טריבענע ידיעות פון ארץ־ישראל.

### ענגלישער „טיימס" פעראורטיילט די געשעהענישען אין ארץ־ישראל

לאנדאן, 1 (ימ"א טעלעגראפיש)

דער „טיימס" פערעפענטליכט אן ארטיקעל, אין וועלכען ס'ווערט פעראורטיילט די לעצטע גע־שעהענישען אין ארץ־ישראל, וואס זענען ארגאני־זירט פון די אראבישע פיהרער, וועלכע האבען פערלוירען דעם באדען אונטער די פיס.

# ביז'ן 6. נאוועמבער ה. י. איינשליסליך ווערט איינגעצאהלט די 2־טע ראטע פון דער נאציאנאלער הלוואה!

יוד. געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט

אפטיילונג אין לאדז, וואלטשאנסקא 35.

שבת, דעם 4/XI 1933, פינקטליך 9 אווענד, קומט פאר אין אייגענעם לאקאל

א ליטעראַרישער אוונט

אין וועלכען ס'נעהמען אנטייל די דיכטער:

משה בראדערזאן, ישראל ראבאן און אפרים פלאקסער.

גרעסטער אויסוואהל ביי

Szczęśliwy

פון

מענער־רעשטען

אויף אנציגער און פאלטענס, ביליצער, טאמאשאווער א. א. פון די בעסטע קוואליטעטן מאדערנסטע מוסטערן, צו די ביליגסטע פרייזען.

יעדער קויפער בעקומט ראבאט.

קומט און איבערצייגט אייך!

5 נאוואמיעסקא 5

ביי R. Szczęśliwy

פראנט 2־טער שטאק

געדענקט דעם אדרעס.

געדענקט נאר 2. שטאק

אלג. יוד. ארבייטער־בונד „בונד" אין פוילן

לאדזער ארגאניזאציע.

שבת, דעם 4 נאוועמבער, 10 פריה קומט פאר אין פילהארמאניע־זאל, נארוטאוויטשא 20

א טרויער־אקאדעמיע

צום 5־טען יאהרטאג נאכ'ן טויט פון

ב. מיכאלעוויטש

אין פראגראם:

1) רעדעס פון לאווניק וו. אלטער (ווארשא) און ס. נוטקאוויטש

1) סימפאנישער קאנצערט אויסג. דורכ'ן פילהארמאניע־ארקעסטער.

3) ארטיסטישער טייל אויסג. דורכ'ן דראמאטישען קרייז פון „סקיפ".

בילעטען צום פרייז פון 25 ביז 80 גר. שוין צו בעקומען אין ארבעטער־היינקעל, פאלגדביאווא 20 און אין די פראפ. פעראיינען, איראדאווא 9.

Dr. med.

Haltrecht

ספעציאל־ארצט פאר הויט־און געשלעכטס־קראנקהייטען

פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21

נעמט אן פון 8—1 מיטאג און; פון 6—9 אוונט.

זונטאג פון 10—1 בייטאג.

אלע ארט אנאליזען.

פאר ארבייטסלאזע רעדוצירטע פרייזען

שלאסעריי־ארבייטען,

ווי אויך אויטאגענישע שווייסונגען, מעטאל־ע ארבייטונגען. מא־שינען־טיילען

אויסגעפיהרט ביי

J. REDER, Łódź

קאנסטאנטינער 11/13

Dr.

Wajnberg

ספעצ. פון לונגען, הארץ און סקלעראז־קראנקהייטען

וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145

טעל. 126-02.

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4, 8—9 אוו.

אויגען - קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען - קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אוונט.

דעם טיפסטען בייליד דריקען מיר אויס אונ־זער געעהרטען מיטגליד

אברהם שילסקי און פאמיליע

צוליב'ן טויט פון זיין ליבע טאכטער

הינדה רחל נ"ע

המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג

פון בעקער־צעך אין לאדז.

8969

דער שווערגעטראפענער

פאמיליע קרויזע

צוליב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכער

מוטער נ"ע

דריק איך אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל

פנחס ראזענצווייג.

